אָבֿער ווידער ענטפערנדיק האָט צו זיי געזאָגט:
קינדער, אָ, ווי שווער עס איז פאַר די, וואָס האָבן
בטחון אויף געלט, אַריינצוגיין אין דעם קעניגרייך
25 פון ג־ט! עס איז לייכטער פאַר אַ קעמל אַדורכ־
צוגיין דורך דעם לאָך פון אַ נאָדל, ווי פאַר אַ
רייכן מאַן אַריינצוקומען אין דעם קעניגרייך פון ג־ט.
26 און זיי זענען נאָך מער דערשטוינט געוואָרן, און
האָבן צו זיך גערעדט: און ווער זשע קען דערלייזט
27 ווערן? ישוע האָט אַ קוק געטון אויף זיי און זאָגט:
בײַ מענטשן איז עס אוממעגלעך, נאָר נישט בײַ
28 ג־ט; וואָרום אַלץ איז מעגלעך בײַ ג־ט. פּעטרוס
האָט אָנגעהויבן צו רעדן צו אים: זע, מיר האָבן
29 אַלץ פאַרלאָזן, און האָבן דיך נאָכגעפאָלגט! האָט
ישוע געזאָגט: באמת זאָג איך אײַך: עס איז נישט
פאַראַן קיינער, וועלכער האָט פאַרלאָזט הויז, אָדער
ברידער, אָדער שוועסטער, אָדער מוטער, אָדער
פאָטער, אָדער קינדער, אָדער פעלדער, צוליב
30 מיר, און צוליב דער בשורה טובה, וועלכער וועט
נישט באַקומען הונדערט מאָל אַזויפיל איצט אין
דער דאָזיקער צייט, הייזער, און ברידער, און
שוועסטער, און מוטערס, און קינדער, און פעלדער,
מיט פאַרפאָלגונגען; און אין דער קומענדיקער
31 וועלט אייביק לעבן. אָבער אַ סך ערשטע וועלן
זיין לעצטע; און די לעצטע ערשטע.

32 און זיי זענען געווען אויפן וועג, אַרויפגייענדיק
קיין ירושלים; און ישוע איז געגאַנגען פאָרויס פאַר
זיי; און זיי האָבן געשטוינט; און די, וואָס האָבן
נאָכגעפאָלגט, האָבן זיך געפאָרכטן. און ער האָט
ווידער גענומען די צוועלף צו זיך, און האָט אָנגעה־
הויבן צו רעדן צו זיי וועגן די זאַכן, וואָס וועלן קומען
33 אויף אים: זע, גייען מיר אַרויף קיין ירושלים,